שמע ישראל ה' אלקינו ה' "אחד"

קונטרס

# דורשי יחודך

שיחות ומאמרים
מאת
הגה"צ רבי **יעקב מאיר שעכטער** שליט"א

מאמר
**ימי הודאה**

**אידיש**

מועתק מלשונו הזהב

**מאמר ל"ז**
חודש כסלו שנת תשפ"ה לפ"ק

## פרנס החודש

הרבני הנגיד, איש ישר וטוב לב, תומך ואוהב תורה ולומדיה, הטפסר המרומם
מוה"ר **בנימין יודא ווערצבערגער** הי"ו
**לרגל אירוסי בנו** הבה"ח **אלימלך** נ"י
עב"ג מוה"ר **שלמה שאלאמאן** הי"ו
ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא שהזווג יעלה יפה ויפה,
ומשמחה זו ישפע שפע רב לו ולכל משפחתו ולכל
הנלוים אליו, עם כל מילי דמיטב, רב
תענוג ונחת דקדושה כל הימים


אזוי ווי די הוצאות שטייגן כסדר, ווילן מיר בעטן אז ווער עס קען זאל
**זיך משתתף זיין בעין יפה כדי מיר זאלן קענען ווייטער ממשך זיין ביתר שאת**
איר קענט אריינרופן אין אפיס **718-586-5199** אדער טעקסטן צו **347-292-1014**
אדער אטעמאטיש דורך רופן **845-366-2793 #6054**


לשמיעת המאמר מפי מורינו הגה"צ שליט"א, ולהערות והארות
**קול דורשי יהודך**
**718-586-5199**
בא"י 0765997840
~ ~ ~
ניתן לקבל מידי חודש הקונטרס באימעל: dyyms12@gmail.com
וכן ניתן לקבל את הקונטרס דרך הדואר, במחיר חודשי של $20 עבור הוצאת עריכת הקונטרסים
נא להשאיר הודעה בקול דורשי יהודך נומער 9


©
כל הזכויות שמורות



מכון דורשי יהודך
מורינו הגה"צ רבי יעקב מאיר שעכטער שליט"א
נסדר לדפוס ע"י:
ישר Publishing & Production
718.484.2189

# תוכן המאמר


נישטא קיין גרעסערע 'קרבת אלקים'............................ א
שפירן א הודאה צום אויבערשטן.................................ב
'מלוך על כל העולם כולו'.............................................ד
דער פשוט'ער איד פון גן עדן........................................ ה
חנוכה - זיך באנייען אין הודאה...................................... ז
מאה ברכות – הונדערט שליסלען פון ישועות............... ח
זיי מכוון כאטש די ברכות.............................................. ט
מאה ברכות - פיקוח נפש.............................................. י


**חלק מהוצאות נתנדב**
**לע"נ שר הצדקות והחסד**
הרה"ח ר' **חיים דוב (בער)** ע"ה ב"ר **חנני' יו"ט** הי"ו
**(מייזעלס)**

# מאמר ל"ז

## ימי הודאה

## חנוכה תשס"ז לפ"ק

### נישטא קיין גרעסערע 'קרבת אלקים'

איך קען נישט מאריך זיין, איך וויל נאר זאגן איין ווארט, און איך האף אז עס איז אַן הוספה און אפשר אַן השלמה אויף די ווערטער פון רבי משה קרעמער זאל זיין געזונט.

עס איז דא אַן 'עבודת אלקים', א 'קרבת אלקים', וואס איז ריכטיג אז דאס איז דער גרעסטער 'קרבת אלקים', דאס רופט זיך: "**ברכות והודאות לשמך הגדול והקדוש**"[א].

בדרך כלל, ווען מען דאווענט און מען זאגט תהלים, זוכט מען אלעמאל 'משפטים' און 'ביטויים' (- זאַצן און אויסדרוקן) פון 'שפיכת הנפש', פון 'תפילה', יעדער איינער מיט וואס ער דארף נאר געהאלפן

**א.** עיין אוצר היראה שם אות ה': **הדרך של הודאה ותודה הוא דרך נפלא מאד להתקרב על־ידו להשם יתברך מכל מקום שהוא**, כי העולם הזה מלא צרות ויסורים ויגונות, ואין טוב בעולם כי אם התורה, כי אין טוב אלא תורה. ומעוצם הצרות והיסורין והמניעות שבזה העולם קשה וכבד מאד על האדם להתקרב לעבודתו יתברך, ואפילו להתפלל ולהתחנן ולפרש צערו לפני השם יתברך גם־כן קשה מאד, מחמת ריבוי המניעות והיסורין שאוטמין את לבו, עד שאינו יכול לפתוח פיו ולא להתקרב לשום עבודה תמה, כאשר יודע כל אחד ואחד הכבדות שיש עליו בכל פעם ופעם, בכל יום ויום וכו'. **ועל־כן עצה גדולה לזה**, שבכל פעם יזכיר את עצמו את כל הטובות האמתיות והנצחיות שעשה השם יתברך עם אבותינו ועמנו, עם כל אחד ואחד בפרטיות (על פי ליקו"ה הל' כלאי בהמה ה"ד). גם עיין שם אות ז': **עיקר תכלית כל ההשגות - לזכות להודות ולהלל לשמו הגדול יתברך!** כי עיקר כל הברכות וההודאות הם על־ידי השגות אלקות, כמבואר בפנים (עיין ליקו"ה הל' נזיקין ה"ד, אות ל"ג).

ווערן ברוחניות ובגשמיות. אבער מען פארגעסט אז דער חלק פון 'ברכות והודאות לשמך הגדול והקדוש' איז א 'קרבת אלקים'![ב]

עס איז נישטא קיין גרעסערע זאך וואס איז מקשר דער וועלט מיט יענער וועלט ווי 'ברכות והודאות להשי"ת'!

## שפירן א הודאה צום אויבערשטן

דער **רבי** האט אונז געלערנט[ג], אז מען דאנקט און מען לויבט אפילו אויף גשמיות'דיגע זאכן, אז מען האט אמונה וואס דאס איז היפך חכמת יוונית, זעט מען דאך אזויפיל נסים, אזויפיל ישועות, אזויפיל השגחה פרטית וואס 'לא יאומן כי יסופר'[ד].

---

**ב.** עיין שיח שרפי קודש (ברסלב, החדש) ח"ג, אות שפ"ח, וזל"ש: רבינו אמר: **"א מענטש אז ער בעט דעם אויבערשטן א זאך, און ער לויבט נישט פריער - זאגט השי"ת: ס'איז דיר אזוי שלעכט אז דו האסט גארנישט וואס צו לויבן מיר?! אבער א מענטש אז ער לויבט דעם אויבערשטן פריער, זאגט דער אויבערשטער: אט דאס הייסט גוט? איך וועל דיר איצטער באווייזן וואס הייסט גוט!"**. גם עיין אוסף אמרים (חנוכה מאמר ב') וז"ל מורינו הגה"צ שליט"א: בעינינו אנו רואים שבספר התהילים, חלק ההודאות גדול יותר מחלק הבקשות, ואיתא בזוהר הק', שכאשר היה דוד המלך משתטח על הארץ ובוכה על צרותיו הרבות שהיו ללא גבול, היה אומר לעצמו, וכי צריכים רק לבכות לפני בורא העולם? צריכים גם לשמוח לפניו, ומיד הפסיק מבכיו, ולקח את כנורו והתחיל לזמר לפני השי"ת, ומרוב דבקות התחיל לרקוד, לפזז ולכרכר לפניו ית'. וידוע כי כל הצרות של דוד המלך ע"ה הם מעין מה שעובר על כל אחד מכלל ישראל, באשר דוד המלך היה כלול מאדם הראשון, ששבעים שנותיו קיבל מאדם הראשון שהיה כלול מכל בני האדם. ולכן לא מצינו בתנ"ך פירוש מאורעותיהם של אחרים כפי מה שמפורט אצל דוד המלך, כי הוא היה כלול מכל ישראל, וכל מה שעבר על דוד המלך הוא דוגמא לכל מה שעובר על כל אחד מישראל. ומזה שהאריך דוד המלך ע"ה בשירות ובתשבחות יותר מתפילות ותחנונים, למרות כל צרותיו, ילמד כל אדם באשר הוא, שגם כאשר עוברות עליו צרות ומצוקות שונות ומשונות, צריך להודות יותר מאשר לבקש, ועל ידי שלאחר הבקשה ירבה בהודאה יזכה להכלל בדוד מלך ישראל חי וקיים.

**ג.** עיין ליקוטי מוהר"ן תורה צ"ד.

**ד.** עיין ליקוטי הלכות הל' כלאי בהמה ה"ד אות ט': אין אדם אפילו הגרוע שבגרועים שאין הקדוש ברוך הוא גומל עמו חסדים נפלאים בכל יום כמו שתיקנו לנו לומר בכל יום נודה לך וכו' על נסיך שבכל יום וכו' ועל נפלאותיך וטובותיך שבכל עת וכו' ובודאי דברי רז"ל

עס טוט זיך גרויסע נפלאות מיט יעדן איינעם, נאר דער חושך פון קליפת יוון לאזט עס נישט זען, אבער עס זענען דא גרויסע ישועות. דאכט זיך עס איז דא א **חז"ל**[ה], פאר יעדן מענטש געשעהט יעדן טאג נסים אזוי ווי יציאת מצרים.

אז מען לייגט דאס אריין אין 'ברכות והודאות' צו השי"ת, ווערט דאך א קשר פון 'דער' וועלט מיט 'יענער' וועלט - 'די' וועלט ווערט 'יענע' וועלט! מען איז מקשר דאס גשמיות צו השי"ת, מען איז מקשר **זיך** צו השי"ת.

מען זעט טאקע דעם הייליגן ביטוי פון הייליגן רבי'ן; דער **רבי** האט געזאגט: **"ימי חנוכה זענען ימי הודאה"!**[ו] דער ווארט אליין איז א חידוש! די גאנצע 'ימי חנוכה' איז 'ימי הודאה', 'הודאה'.

דאס שפירן א 'הודאה' צום אויבערשטן אויף די חסדים וואס ער האט געטון מיט יעדן איינעם ברוחניות ובגשמיות, און דאס 'מביע' זיין (- ארויסגעבן), דאס מגדיל זיין - האט דער רבי געזאגט - אט דאס איז דער צוועק פון חנוכה! דאס דביקות פון 'ברכות והודאות לשמך הגדול והקדוש'!

---

כנים ואמיתיים וצריכין אנחנו כולנו להאמין בזה מאד שבודאי ה' יתברך עושה עם כל אחד ואחד נסים ונפלאות וטובות בכל יום ובכל עת ושעה. ואם ירצה להסתכל יראה הרבה בעיניו ויזכור את עצמו היטב כמה מעלות טובות למקום עליו.

**ה.** תנא דבי אליהו רבה פ"ב וז"ל: בכל יום ויום עושין לו נסים כיוצאי מצרים עיי"ש.

**ו.** ליקוטי מוהר"ן תניינא תורה ב וז"ל: **ימי חנוכה, הם ימי הודאה**, כמ"ש: **וקבעו שמונת ימי חנוכה אלו להודות ולהלל** וכו'. **וימי הודאה, זה בחי' שעשוע עוה"ב. כי זה עיקר שעשוע עוה"ב, להודות ולהלל לשמו הגדול ית', ולהכיר אותו ית', שעי"ז סמוכים וקרובים אליו ית'.** כי כל מה שיודעין ומכירין אותו ית' ביותר, סמוכין אליו ביותר. כי שאר כל הדברים, יתבטלו לעתיד כולם, בבחי' כל הקרבנות בטלין חוץ מקרבן תודה (מ"ר צו פ"ט אמור פ' כז ע"ש). שלא ישאר לעתיד רק בחי' תודה והודאה, להודות ולהלל ולדעת אותו ית'. כמ"ש (ישעיה יא) כי מלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים, שזה כל שעשוע עוה"ב.

## 'מלוך על כל העולם כולו'

רבי נתן ברענגט אראפ אין **ליקוטי הלכות**[ז]; בדרך כלל צעטיילט זיך דאס דאווענען אויף פיר חלקים: ביז "הודו" איז 'עשיה'. און ביז "יוצר" איז 'יצירה', און נאכדעם איז 'בריאה', און 'אצילות' איז "שמונה עשרה". זאגט רבי נתן, אז די הארה פון ממליך זיין דעם אויבערשטן אויף זיך, אז "רופא חולי עמו ישראל", און אז "ברך עלינו את השנה הזאת ואת כל מיני תבואתה לטובה", (וואס מיט דעם ווייזט ער) אז די גאנצע וועלט און די גאנצע הנהגה און די גאנצע שפע און אלע ישועות איז פון אויבערשטן אליין, אז דאס איז אַן הארה פון עולם האצילות!

אז א מענטש דאנקט דעם אויבערשטן פאר דברים קטנים און פאר דברים גדולים - אזויווי דער הייליגער רבי האט געהייסן דאנקען פאר יעדער זאך, און כל שכן אז מען זעט ארויס אסאך מאל שיינע ישועות ווען מען דאנקט, אז דאס איז א געוואלדיגער קרבת אלקים, דאס איז א חלק פון 'עולם הבא'[ח].

---

**ז.** עיין הל' תפילת המנחה ה"ו אות א', וז"ל: עיקר כבוד ה' יתברך ביותר הוא על ידי תפלה דייקא, על ידי שמתפללין ומבקשין מה' יתברך כל צרכיו כל מה שחסר לו בגשמיות וברוחניות. כמו שכתוב **"וקראני ביום צרה אחלצך ותכבדני"**, כי זה עיקר כבודו. **ועל כן תפלת שמונה עשרה גבוה מאד ויקר מכל סדר התפלה** כמובן בכוונות, כי **אף על פי שעל ידי כל פסוקי דזמרה וברכת המאורות מגדלין כבודו יתברך** ומודיעין שהוא יתברך יחיד בעולמו וברא הכל לכבודו, אף על פי כן עיקר שלמות הגדלת כבודו ביותר הוא על ידי התפלה. שבזה שמתפללין על צרכיו, בזה מודים שה' יתברך מנהיג עולמו ומשגיח בפרטיות על כל דבר שבעולם ובידו לשנות הטבע. ונתן לנו כח ורשות לרצותו ולפייסו בתפלה ותחנונים, עד שישוב ממדת הדין למדת הרחמים לבטל כל הגזרות שאינם טובים ולמלאות כל מחסורנו. **וזהו עיקר כבודו בשלמות, כי כל זמן שאין מודיעין ומפרסמין זאת, עדיין לא נתגלה כבודו יתברך בשלמות**, כי **אף על פי שמשבחין ומפארין אותו ומודים שהוא יתברך גדול מאד ובורא הכל** כו', שכל זה הוא הגדלת כבודו בודאי. אבל עדיין לא הודיעו בפרוש שמשגיח **גם עתה** בעולמו ושהוא מבטל רצונו מפני רצון ישראל כשהם מרבים בתפלה ותחנונים, שזה עיקר שלימות כבודו שבשביל זה ברא הכל.

**ח.** עיין ספר דורשי יהודך (פסח ח"א מאמר ד') וז"ל מורינו הגה"צ שליט"א: די גאנצע גאולה ליגט אין שמונה עשרה - די גאולת הגוף וגאולת הנשמה - אלעס אלעס ליגט דארט! די הייליגע שמונה עשרה איז דאך אזא מין שלימות האמונה!

## דער פשוט'ער איד פון גן עדן

דער **אור זרוע**[ט] ברענגט אראפ א מעשה פון אַן איש נאמן, א קברן, וואס עס איז אים נתגלה געווארן א מענטש וואס ער אליין

---

רבי נתן ברענגט אראפ אין "ליקוטי הלכות"; ביז "הודו" איז דאך מרמז אויף (תיקון) 'עולם העשיה', און פון "ברוך שאמר" ביז "יוצר" איז מרמז אויף 'עולם היצירה', און פון "יוצר" ביז "שמונה עשרה" איז מרמז אויף 'עולם הבריאה', און 'אצילות' איז די 'י"ח ברכאין דצלותא'.

זאגט רבי נתן, (לכאורה) פריער (- בפסוקי דזמרא ובברכת יוצר) רעדט מען דאך ממש פון אזויפיל גוטע און זיסע הילולים פארן בורא עולם, מען רעדט דאך אזעלכע הויכע זאכן, און דא (- תפילת שמונה עשרה) איז דאך אויף 'גשמיות' – 'רבונו של עולם, הייל מיר, הייל מיר, דו קענסט מיר היילן'; 'רבונו של עולם - בענטש מיר - דו קענסט מיר בענטשן!' (- אָז איך יתכן שזאת דוקא ירמז על אצילות שהיא המדריגה הגבוה ביותר?).

זאגט רבי נתן, אט די הארה, דאס איז פון אצילות - 'רבונו של עולם, אלעס איז דאך אין דיין האנט, 'אין עוד מלבדך'!'.

עס פירט קיינער נישט דער וועלט - נאר דער אויבערשטער אליין!

עס איז נאר א הסתרה!

נאר דער אויבערשטער אליין!

לעתיד וועט מען זען - "**וְהָיוּ עֵינֶיךָ רֹאוֹת**" - ווי דער אויבערשטער - "אין עוד מלבדו!" ממש ממש!

א מענטש קען ממליך זיין דעם אויבערשטן, למעלה, למטה, בארבע רוחות, (דער עיקר איז אבער) - אויף **זיך**, אויף **זיך**, פשוט אויפן גאנצן **זיך**, אויף זיין גשמיות מיט זיין רוחניות, אט דאס דאס איז אַן אור פון אצילות! אט דאס קען מען איינקויפן ביי שמונה עשרה, אט דאס איז 'ח"י ברכאין דצלותא'!.

**ט.** ע"ש חלק ב', הלכות שבת סי' מ"ב 'וז"ל: ואני הכרתי יהודי אחד מוורמ"ש והיו קורין אותו ר' בונים והי' זקן וקובר מתים. ושמעתי אל נכון ואל האמת שפ"א השכים לבית הכנסת וראה אדם אחד יושב לפני בית הכנסת ובראשו כתר של עשבים שקורין צפל ובלשון כנען קויטנ"י ויצ"ץ. ונתפחד כסבור שהוא שד. וקראו ואמר לו וכי אינך פלוני שמת עתה וקברתיך? ואמר לו, הין! וא"ל, היאך אתה באותו עולם? ואמר לו היטב עד מאוד! וא"ל, מה זכיות יש לך? והלא אתה היית אדם כל דהו? וא"ל, רק באותו זכות שהייתי אומר ברכות בקול נעים בביהכ"נ, בזכות זה הביאוני בג"ע ומכבדין אותי. וזה לך הסימן שאני הוא המדבר אליך, כי תראה בית יד חילוקי שקרוע שקרעת לי כשהלבשתני התכריכין. ושאל לו, מה זה שבראשך? וענהו, הם עשבים שבג"ע ששמתי בראשי כדי לבטל ריח רע מעלי של זה העולם. כתבתי אני המחבר אלו המעשים כדי שיראה ירא שמים וישים אל לבו ויאמר שבחותיו של הקדוש ברוך הוא בקול נעים ובכוונה ויזכה לג"ע, ע"כ.

האט אים געהאט מקבר געווען, און דער מענטש האט אים געזאגט אז עס איז אים זייער גוט אין גן עדן.

האט ער אים געפרעגט: "דו ביסט דאך געווען אַן אדם 'כל דהו' - און דו האסט גן עדן?" האט ער אים געזאגט: "יא! איך האב געהאט איין זאך, אז די ברכות והודאות אין בית הכנסת פלעג איך זאגן מיט א געוואלדיגע נעימות און א געוואלדיגע תמימות, מיט א שיינעם ניגון, און מיט א שיינעם קול, און דאס איז מיין גן עדן, עס איז מיר זייער גוט אין גן עדן!".

דער הייליגער רבי האט געזאגט: עולם הבא - דאס איז ברכות והודאות צו השי"ת.

כל שכן "חנוכה" וואס איז דאך אַן ענין פון "חינוך". דער גאנצער 'רבי'נס זאך' איז דאך אַן ענין פון התחדשות אז מען זאל זיך אלעמאל באנייען, מען זאל זיך האלטן אין איין באנייען. די וועלט האלט אין איין משכיח זיין, דארף מען זיך האלטן אין איין באנייען ממש! כל שכן 'חנוכה' - וואס איז אַן ענין פון 'חינוך' - איז ערשט דער זמן זיך צו באנייען אין דער עבודה פון 'ברכות והודאות לשמך הגדול והקדוש'[י].

דאס איז מען 'מביע' ביי ברכת המזון, און ביי די הילולים פון דאווענען, ביי די הילולים פון תהלים, דא איז דער זמן עס צו מביע זיין. דאס דארף ווערן ביי א מענטשן א חלק "אידישקייט"; א חלק

---

י. עיין אוצר היראה – חנוכה, אות מ"ט: וזה בחינת חנוכת הבית־המקדש שממשיכין **בכל שנה ושנה** בימי חנוכה הקדושים, כי עיקר הגאולה ובנין הבית־המקדש שלעתיד יהיה על־ידי תפילתנו וצעקתנו שאנו מתחזקים לצעוק ולהתפלל אליו יתברך בכל משך זמן הגלות, ועיקר ההתחזקות לזה הוא רק על־ידי הדרך הזה של תודה־הודאה שממשיכין בחנוכה. **וכמו־כן הוא בכל אדם ובכל זמן**, שעיקר **החינוך** לעבודת השם יתברך הוא רק על־ידי בחינת **תודה־הודאה**, להזכיר את עצמו בכל עת הטובות והנפלאות שעשה השם יתברך עמו עד הנה, ועל־ידי־זה יתחזק לצעוק ולהתפלל להשם יתברך תמיד, בבחינת 'מודה על העבר וצועק לעתיד לבוא', ועל־ידי־זה יזכה סוף כל סוף לשוב להשם יתברך באמת. ועל־כן נקרא **חנוכה**, כי על־ידי בחינה זאת **מתחנכין** בעבודת השם, כמבואר בפנים (ליקו"ה הל' כלאי בהמה ה"ד אות ט').

פון אידישקייט איז - געדאנקט און געלויבט דעם אויבערשטן אויף יעדער חסד, און אויף יעדער פרט פון יעדן חסד וואס ער טוט ביי יעדן מענטש אין שטוב, אויף זיין ווייב און קינדער, און וואס עס טוט זיך מיט אים, און וואס מען זעט ארויס מורא'דיגע זאכן ווי דער אויבערשטער פארלאזט נישט, ווי דער אויבערשטער העלפט.

מען קען מאכן דערפון 'עולם הבא' ממש!

דאס איז א חלק וואס איז עולם הבא אליין! דאס איז א גרויסע עבודה צום אויבערשטן, און דאס איז די אמת'ע התקשרות דורך וואס מען איז מקשר די הנהגת עולם הזה, מיט'ן בורא עולם אליין. דאס איז דער קרבת העולמות, וואס דורכדעם ווערט נמתק אלע דינים[יא].

## חנוכה - זיך באנייען אין הודאה

עס שטייט אין **שערי אורה**[יב]: דערפאר רופט זיך עס "פסוקי דזמרה", ווייל מיט דעם איז מען מְזַמֵר החוחים והקוצים פון די מקטריגים, ווייל דורכדעם וואס מען איז מְהַלל און מודה להשי"ת,

---

**יא.** עיין אוצר היראה שם אות ו', וז"ל: על-כן צריכין **להרגיל עצמו מאד** בתודה והודאה להשם יתברך על כל החסדים והנפלאות שעשה עמו עד הנה **ברוחניות ובגשמיות**. וגם בתוך הצרה עצמה, בודאי יש בה כמה וכמה הרחבות, אם יסתכל עליהם בעין האמת, וצריכין להודות על כל זה להשם יתברך מאד, ועל-ידי-זה זוכה שנתגלה אחדותו הפשוט יתברך מתוך פעולות משתנות, **ואז ממילא נתבטלין כל הצרות והיסורין, רחמנא לצלן**, שהם בחינת פעולות משתנות, ואז צריך להודות ביותר להשם יתברך, ועל-ידי-זה נתגלה ביותר אחדות הפשוט מתוך פעולות משתנות, וכן חוזר חלילה, עד שזוכה על-ידי-זה לתכלית השלימות **ברוחניות ובגשמיות** (על פי ליקו"ה הל' פריקה וטעינה ה"ד).

**יב.** השער הראשון ספירה הי' וז"ל: כשבא דוד עליו השלום והתקין זמירות, בהיות האדם מסדר אותן הזמירות אזי מסתלקין והולכין להם אותם המשחיתים והמקלקלים והמעכבים. ונקראו זמירות מלשון מזמר; "וכרת הזלזלים במזמרות" (ישעיה יח, ה), ועל זה אמר הכתוב: "זמירות היו לי חוקיך בבית מגורי" (תהלים קיט, נד). כלומר, באותם המקומות שהייתי מתיירא מהן בדרך והיה לי פחד ומגור, באותן הזמירות פזרתים והכרתים. ולפי זה הדרך נאמר: ברון יחד כוכבי בוקר וגו'" (איוב לח, ז). ועניין רינה הם הזמירות הנאמרים בבוקר, ואזי יתפזרו ויתרועעו כל בעלי הדין הקשה הנקראים בני אלהים. ולשון יריעו מלשון רועה התרועעה

ווערט בטל די קטרוגים, עס ווערט בטל די סטרא אחרא, און דורכדעם קען מען צוגיין נאנט צום אויבערשטן און מתפלל זיין צו השי"ת.

דער הייליגער רבי האט עס ארויסגערעדט קלאָר - חנוכה איז 'ימי הודאה'! עס איז א זמן פון זיך באנייען אין דער עבודה פון ברכות והודאות להשי"ת! מען דארף עס מביע זיין ביים דאווענען, ביים תהלים זאגן, און אפילו ביי די (סתם) דיבורים וואס א מענטש רעדט, דארף ער רעדן כסדר דיבורים פון 'הודאה', דיבורים פון 'אמונה', דאס איז מקדש דער וועלט, עס איז מטהר דער אוויר פון דער וועלט.

## מאה ברכות – הונדערט שליסלען פון ישועות

מען דארף זיך טאקע באנייען אין דעם, אז די 'מאה ברכות שבכל יום' זאל מען זאגן 'בשפה ברורה ובנעימה', יעדע ברכה.

עס שטייט אין **זוהר הקדוש**[יג]: אז א מענטש גייט אראפ אויף דער וועלט, איז מען אים מצווה צו זיין אַן ערליכער איד; עס איז דאך אבער דא אזויפיל עגמת נפש'ן, און אזויפיל צרות, און אזויפיל פגעים, וואס קיין איין איד זאל נישט וויסן פון קיין צער - און דא שיקט מען אים אראפ אויף דער וועלט צו זיין אַן ערליכער איד. זאגט אים דער אויבערשטער: "איך גיב דיר הונדערט מפתחות פון ישועות - די מאה ברכות!".

דאס זענען הונדערט שליסלער פון ישועות!

---

הארץ (ישעיה כד, יט). ולפיכך צריך אדם לכוון עצמו בשעת תפילה ולכוון מחשבותיו כראוי, בעניין שלא תתעכב תפילתו ולא תשוב ריקם בקשתו, ע"כ.

**יג.** זוהר סתרי תורה ח"א ע"ו ע"ב, וז"ל: ויאמר ה' אל אברם הא נשמתא עלאה אבא (ד"א ל"ג לרוחא ודם) לגופא בסליקו) דדיוקנא עלאה כד בעיא (נפשא) לנחתא להאי עלמא אומי לה קודשא בריך הוא למיטר פקודי אורייתא ולמעבד רעותיה ומסר לה מאה מפתחאן דברכאן דכל יומא לאשלמא לדרגין עלאין כחושבן ל"ך ל"ך וכו' עיי"ש.

האסטו אין דער האנט די הונדערט שליסלעך - מיט דעם ביסטו ממתיק אלע דינים, דו וועסט קענען דורכגיין דער וועלט ווי עס דארף צו זיין אז די מעברים זאלן דיר נישט שטערן און אז די מעברים זאלן נמתק ווערן פון דיר און פון גאנץ כלל ישראל.

**זיי מכוון כאטש די ברכות**

יעצט איז טאקע דער זמן זיך צו באנייען אין דעם. עס איז דא טאקע אין **טור** [- דער ענין פון מאה ברכות ברענגט ער אראפ אין סימן מ"ו, אבער די זאך שטייט אין סימן ק"א - ער ברענגט אראפ] אַן אינטערעסאנטע זאך. בדרך כלל, די שמונה עשרה איז זייער א הויכע זאך, דער יצר הרע לאזט נישט דורכגיין א שמונה עשרה ווי עס דארף צו זיין[יד].

זאגט ער: 'מען זאל בעיקר מכוון זיין ביי די חתימות הברכות'. מען זאגט אזוי ווי עס גייט דעם "ברך עלינו ה' אלקינו את השנה הזאת ואת כל מיני תבואתה לטובה", מען זאגט עס דורך, און מען שטעלט זיך אפ, און מען זאגט (בכוונה): "ברוך אתה ה' מברך השנים" - דאס זאלסטו בעיקר מכוון זיין. אוודאי, די ערשטע ברכה שטייט דאך אין שולחן ערוך[טו] אז מען דארף מכוון זיין יעדעס ווארט. אבער דער טור זאגט בפירוש, אז מען זאל מכוון זיין ביי שמונה עשרה כאטש די חתימות הברכות.

דאס איז א געוואלדיגע געשמאקע עבודה אין דער וועלט!

אַן עבודה וואס איז ממתיק דינים, עס עפנט אויף פתחים צו קרבת אלקים, צו ישועות אויף דער וועלט, צו ישועות אויף יענער וועלט.

---

**יד.** עיין שיחות הר"ן אות ע"ה: גם אמר רביז"ל: **שאי אפשר להתפלל כל התפלה בכונה כראוי** רק כל אחד ואחד אינו מתפלל כי אם קצת מהתפלה בכונה, **כנראה בחוש** וכו' עיין שם.

**טו.** או"ח סי' ק"א סעי' א'.

ערשט היינט איז די צייט צו מנַצל זיין דער חנוכה אז עס זאל אריינגיין אין 'למעשה', מען דארף דאך ממשיך זיין דער חנוכה אויף א גאנץ יאר.

**מאה ברכות - פיקוח נפש**

למעשה, אז מען גייט אריין און מען באנייט זיך און מען נעמט זיך פאָר אז מען וועט זיך האלטן אין איין באנייען און דאס אריינברענגען אין שטוב ביי די קינדער - אז א ברכה מאכט מען 'בשפה ברורה ובנעימה' הויך, און מען ענטפערט 'אמן' - די 'מאה ברכות' דאס זענען 'מאה מפתחות'!

דער אויבערשטער האט דאס מגלה געווען פאר דוד מלך ישראל. עס איז נאך פון משה רבינו, אבער דוד מלך ישראל האט עס מחדש געווען, מען האט עס אים מגלה געווען.

דער **לבוש**[טז] זאגט דאס לשון, אז עס איז דעמאלט געשטארבן הונדערט אידן א טאג[יז], האט ער אנגעפרעגט למעלה 'פארוואס דאס איז', האט מען געזאגט: 'ווייל מען דאנקט נישט. אז איר וועט דאנקען, וועט גיין שפע!'.

**"מלכותא דארעא כעין מלכותא דרקיעא"**[יח]; דאַנקט! פארוואס גיב איך שפע? כדי איר זאלט מקשר זיין דער וועלט מיט יענער וועלט, דאנקט און לויבט, וועט מען געבן שפע חיים. די אלע סיבות וואס מען שטארבט צוליב דער מחלה, צו יענער מחלה, דאס איז אלץ סיבות פון 'דער' וועלט; אבער דער עיקר איז דאך - למעלה! אז עס גייט שפע חיים, ווערט מען געזונט, מען ווערט נישט קראנק, מען לעבט.

---

**טז.** סימן מ"ו סעי' א'.

**יז.** במדב"ר פי"ח כ"א.

**יח.** גמ' ברכות נ"ח ע"א.

אז מען וועט מאכן 'מאה ברכות' בכל יום, וועט גיין שפע חיים פאר זיך און פאר דער גאנצער וועלט ממש.

דער **ב"ח** אין סימן מ"ו זאגט בפירוש[יט]: "**אז מען איז נישט זהיר אין די מאה ברכות, איז דאס פיקוח נפש ממש!**" ווייל דאס איז אויף לעולם, די גזירה איז א גזירה הנמשכת חס ושלום - און אט דאס איז דער תיקון דערויף, דאס איז דער אמת'ער תיקון, א תיקון וואס מען קען אריינגיין אין אלע סארטן קדושות אויף דער וועלט און ממשיך זיין אסאך ישועות ברוחניות ובגשמיות לנו ולכל ישראל.

יעצט איז די הזדמנות פון ממשיך זיין חנוכה אויף א גאנץ יאר, זיך נעמען מאכן די מאה ברכות 'בשפה ברורה ובנעימה', דאס אריינברענגען ביי די קינדער אין שטוב אז עס זאל זיין "ברכות" אין אלע אידישע שטיבער.

דער אויבערשטער זאל העלפן אז דער הייליגער חנוכה זאל משפיע זיין ברכות מיט ישועות, מיט הרחבה, מיט פרנסה, מיט געזונט, מיט קינדער, מיט נחת פון די קינדער, און נחת פון זיך, לנו ולכל ישראל.

---

**יט.** וז"ל: להורות שיהיו נזהרין לברך אותם ולא יסמכו על עניית אמן כי איכא סכנת מיתת מאה ישראל בכל יום כמו שהיה קודם שתיקן דוד מאה ברכות אלו וכו' עיי"ש.

# עמודי התווך

בס"ד

ברכת השיר והשבח לכבוד הני נדיבים בעם, אנשי חיל יראי אלקים, שנדבה לבם הטוב, להיות חבר ושותף מידי חודש בחודשו במפעל הקדוש כזה, להרביץ תורה ויראה טהורה בקרב עם סגולה

ה"ה

מוה"ר **ישכר דוב קויפמאן** הי"ו

ואחיו מוה"ר **אברהם שמעון קויפמאן** הי"ו

מוה"ר **צבי קליין** הי"ו

מוה"ר **שלמה פעדער** הי"ו

מוה"ר **יוסף מרדכי כהנא** הי"ו

מוה"ר **יוסף בנציון שווארטץ** הי"ו

מוה"ר **יואל הירשפעלד** הי"ו

מוה"ר **יודא ארי' מיללער** הי"ו

מוה"ר **מאיר מרדכי בערקאוויטש** הי"ו

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, דזכות זה יעמוד להם ולזרעם עד עולם, עם רוב תענוג ונחת דקדושה כל הימים

# מזלא טבא וגדיא יאה

לכבוד הני נדיבים אנשי ה' יראי אלקים, אשר נדבה לבם לחזק את מפעלינו הכביר לרגל שמחת לבם השורה במעונתם ה"ה

מוה"ר **אברהם שמעון קויפמאן** הי"ו
מעמודי התווך

**לרגל הכנסת בנו הבה"ח צבי נ"י**
**לעול התורה והמצוות**

ומוה"ר **יצחק אייזיק איידליס** הי"ו

**אירוסי בתו עב"ג למז"ט בשעטו"מ**

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא שמשמחות זו ישפע שפע רב לנו ולכל בני ישראל, ורב תענוג ונחת דקדושה כל הימים בביאת משיח צדקינו בב"א

# לזכרון בהיכל ה'

האי חסיד והאי עניו, עשה מעשה חייא, והחזיק ידי תורה ועבודה ויראת שמים, וחיזק נשברי לב, ה"ה

הרה"ח ר' **חיים אלעזר** ב"ר **מרדכי מתתיהו** ז"ל
נלב"ע י"ט כסלו תשפ"א

תהא עילו לנשמתו ויצרור בצרור החיים בגן עדן עם הצדיקים

הונצח ע"י בנו חביבו
מוה"ר **יואל הירשפעלד** שליטא
מעמודי התווך

בס"ד

# הזכותים נצחיים

## לספר "דורשי יחודך" – שובבי"ם

שיחות ומאמרים של הגה"צ רבי יעקב מאיר שעכטער שליט"א

באידיש מועתק מלשונו הזהב

## פטרון המהדורה

$36,000.00

## פטרון המאמר

$3,600.00

| | | |
|---|---|---|
| מאמר<br>נסיונות הזמן | מאמר<br>חיים נצחיים | מאמר<br>לאן אתה הולך |
| מאמר<br>ורחמי רשעים אכזרי | מאמר<br>דעת אמיתי | מאמר<br>לב טהור |
| מאמר<br>שובי אלי | מאמר<br>תמלוך בכבוד | מאמר<br>להמליכו וליחדו |
| מאמר<br>והתקדשתם | מאמר<br>חכמה דקדושה | |

| | |
|---|---|
| זכות זכרון בספר<br>$1,000.00 | זכות השתתפות<br>$500.00 |

## פטרון המפתחות

$4,200.00

לקנות זכות נצחי נא לקרוא 347-374-1962

או 718-938-9930

# יאמץ לבך

– און דאס אליין דארף ארייגשיינען אין דעם מענטש וואס ער צינדט אן די חנוכה ליכט, ער דארף ווערן א נר, ער דארף אליינס ווערן אן אור. א "**הִלּוֹ נֵרוֹ עֲלֵי רֹאשִׁי**", ער דארף דורכדעם ארייננעמען אין זיך אן הכרה אין בורא עולם, און אן הכרה אין להודות ולהלל. דאס איז די ארבעט און די כונה; ביים אנצינדן אין די האלבער שעה די חנוכה ליכט ווען עס שיינט דער אור ממש.

דאס איז אויסער מתפלל זיין און אויסבעטן און בענקען צו נתעלה ווערן, און ווערן א בעל הכרה און א בעל הודאה.

(מתוך דב"ק במסיבת חנוכה שנת תשס"ו לפ"ק)